Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראָשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 179 | Łódź, Wtorek, 2 sierpnia 1932 r. | צענטער יאָהרגאַנג | לאָדז, דינסטאָג, כ״ט תמוז תרצ״ב | № 179

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

# דער נייער רייכסטאַג וועט געעפענט ווערען סוף אויגוסט

## היטלער איז צופרידען. — ענטגילטיגער צוזאַמענשטעל פון רייכסטאַג. — פאָן פאַפּענס רעגירונג בלייבט ווייטער

בערלין, 1 (ספּ. טעל.)

ס'איז ענטגילטיג פעסטגעשטעלט געוואָרען דער צוזאַמענשטעל פון נייעם רייכסטאַג: ד נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען 230 מאַנדאַטען, סאָציאַל־דעמאָקראַטען — 133, קאָמוניסטען — 89, צענטרום — 75 דייטש־נאַציאָנאַלע — 37, בייערישע פאָלקס־פּאַרטיי — 22, דייטשע פאָלקס־פּאַרטיי — 7, מלוכה פּאַרטיי — 4; קריסטליך־סאָציאַלע 4, דייטשע פויערים־פּאַרטיי — 2, ווירטשאַפטליכע פּאַרטיי — 1 לאַנד־פאָלק — 1, צוזאַמען 607 מאַנדאַטען.

בערלין, 1 (ספּ. טעל.)

נאָכ'ן פערענדיגען די וואַהלען האָט פאָן פּאַפּענס רעגירונג פערעפענטליכט אַ קאָמוניקאַט, אַז די רעגירונג וויל זיך ווייטער נישט רעכענען מיט קיין שום פּאַרטייאישע פניית און ערפילען איהר פליכט אַזוי ווי ביז איצט.

די ערעפנונג פון רייכסטאַג וועט וואַהרשיינליך פאָרקומען סוף אויגוסט.

בערלין, 1 (ספּ. טעל.)

היטלער האָט היינט פערעפענטליכט אַן אויפרוף, אין וועלכען ער שטעלט פעסט, אַז זיין בעוועגונג האָט אָפּגעהאַלטען אַ גרויסער נצחון, ווייל זיין פּאַרטיי איז געוואָרען די שטאַרקסטע אין רייכסטאַג, היטלער פאָדערט אויף צום ווייטערדיגען קאַמף.

דאָס פּרעסע ־ביוראָ פון דער היטלערישער פּאַרטיי שטעלט פעסט, אַז זי האָט איצט דאָס רעכט איבערצונעהמען די רעגירונג אין לאַנד, די היטלערישע פּאַרטיי איז דעצידירט אויסצונוצען איהר רעכט, דייטשלאַנד מוז איצט האָבען אַזאַ רעגירונג, וועלכע זאָל האָבען אַ שטאַרקען אָנשפּאַר אין דער געזעלשאַפט.

פּאַריז, 1 (ספּ. טעל.)

אַרומרעדענדיג די דייטשע וואַהלען שטעלען די פראַנצויזישע צייטונגען פעסט דעם צוּוואוקס פון די קאָמוניסטישע מאַנדאַטען און בעמערקען אַז הגם די היטלעריסטען האָבען פערגרעסערט זייער צאָהל שטימען, וועלען זיי אָבער אין רייכסטאַג נישט האָבען קיין אַבסאָלוטע מעהרהייט, אפילו ביי דער אונטערשטיצונג פון הוגענבערגס גרופּע, אַזוי אַרום איז דער רייכסטאַג נישט פעהיג צו שאַפען קיין דויערהאַפטע רעגירונג, אַזוי ווי ס'האָט לכתחילה געהאַט אויסגערעכענט די איצטיגע רעגירונג, דער רייכסטאַג וועט האָבען די מאַכט נאָר טעאָרעטיש, אָבער די דיקטאַטור פון דער רייכסווערה וועט ווייטער דויערען, ווייל דער פאַקטישער זיגער פון די וואַהלען איז גענעראַל שלייכער.

אין אַנ'ענליכער מיינונג איז די ענגלישע פּרעסע.

### וואַהלען צום לאַנדטאַג אין טירינגען

בערלין, 1 (ספּ. טעל.)

נעכטען זענען פאָרגעקומען וואַהלען צום לאַנדטאַג אין טירינגען, וועלכע האָבען געבראַכט אַ זיג פון די היטלעריסטען, זיי האָבען לויט די ביז איצטיגע פראָווינציאַרישע אויסרעכנונגען דערגרייכט 26 מאַנדאַטען (פריהער 6), סאָציאַל־דעמאָקראַטען 15 (פריהער 18)), לאַנדבונד 6 (פריהער 9), קאָמוניסטען 10 (פריהער 6)).

### אמעריקאַנער וויצע־פּרעזידענט קורטיס



וועלכער האָט אָפיציעל געעפענט די צעהנטע אָלימפּיאַדע

Dr. med.

**A. Uryson**

אינערליכע קראַנקהייטען

11־טער ליסטאָפּאַד 20, טעל. 215-85

**צוריקגעקעהרט**

נעהמט אָן פון 6–8 אָוונד.

809ד

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חבר און בעל קורא

**אברהם יעקב גאַבּרילעוויטש**

צוליב'ן טויט פון זיין אונפערגעסליכען

**פאָטער נ״ע**

זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

די חברה פּיעטריקאָווער און סילעווער נאָוואָמיעסקאַ 22.

4598

היינט, דינסטאָג, דעם 2 אויגוסט ד. י. צו דער ערשטער יאָהרצייט פון דער פרוי פון אונזער חשוב'ן פּרעזעס ה' אַדאָלף פּערעלמאַן

**נ״ע רוזשאַ פּערעלמאַן**

(פון דער היים סעגאַל)

קומט פאָר אַ הזכרה פּינקטליך 1 אַ זייגער מיטאָג אויפ'ן בית־החיים, צו וועלכער עס ווערען איינגעלאַדען אונזערע מיטגלידער, קרובים, פריינד און בעקאַנטע

די פערוואַלטונג פון „לינת החולים"

אַ הערצליכען פאָהר־געזונד ווינש איך מיין ליבסטען חבר

**ר' פייוויש מאַטעל**

צו זיין אָפּפאָהרען נאָך בוסק אויף קוראַציע.

חיים לעווקאָוויטש און כּרוי

4615

פאַר גאָלד, ביזשוטעריע און לאָמבאַרד־קוויטעס

צאָהלט די העכסטע פרייזען

**איזידאָר פּיאַלקאַ**

פּיעטריקאָווער 7.

6203

**רעשטען**

לאָדז, נאָוואָמיעסקאַ 5

פראָנט, 2־טער שטאָק

פערשידענע קאַמגאַרנס, בּיליצער, טאָמאַשאָווער און לאָדזער

אויף אַנציגער און פּאַלטענס

ווי אויך די מאָדערנסטע דאַמען־שטאָפען אויף פּאַלטאָס און קאָסטיומען

מיט 30% בּיליגער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

**SZCZĘSLIWY**

געדענקט נאָר

אין פראָנט, II שטאָק

מעטאַל־צעך אין לאָדז, פּאָלודניאָוואַ 4

בעהט אַלע מיטגלידער זיך צו בעטייליגען אין דער ענטהילונג פון דער מצבה פון אונזער פערשטאָרבענעם מיטגליד

**מאַכל ריינפעלד ז״ל**

וואָס קומט פאָר היינט, דינסטאָג, דעם 2־טען אויגוסט ד. י. פּינקטליך 12 אַ זייגער פאָרמיטאָג.

4619ד

אַ הערצליכען מזל־טוב ווינש איך דעם ה'

**לעאָן סעליג און פרוי**

צו דער געבורט פון אייער זוהנעלע און ווינשט אַ לייכטע ערציהונג

אברהם בלאַכמאַן

**שייטלען**

— מיט —

פּאַריזער שרינדען ווי אויך פערטיגע שייטלען

ווערען ערשטקלאַסיג און רעעל אויסגעאַרבייט

און אָנדולאַציע צו בּיליגע פרייזען

ביי קערש, סקווערנאָוואַ 15.

**Dr. H. Wołkowyski**

צעגעלניאַנאַ 4, טעל. 216-90

**צוריקגעקעהרט**

דער לאַנגיעריגער בעוואוסטער גלאַט כשר'ער

**רעסטאָראַן**

פון צ. ראָזענבלום

מאַכט בעקאַנט, אַז פון מיטוואָך, ד. 3־טען אויגוסט 1932 ווערט אויך אַרויסגעגעבען

**מיטליגע מיטאָגען**

צו בּיליגע פרייזען

מיט אַכטונג 38 צ. ראָזענבלום פּעטריקאָווער 38

Dr. med.

**Aleksander Margolis**

פּיעטריקאָווער 81, טעל. 112-81

**צוריקגעקעהרט.**

Dr. med.

LUDWIK RAPEPORT

אוראָלאָג

ספּעצ. פאַר נירען, בלאָז־ און אורין־קראַנקהייטען

האָט זיך איבערגעצויגען אויף ציגעל־גאַס 8 (פריהער 40) טעל. 236-90.

עמפּפאַנגס־שעה'ן פון 9–10 פריה און 6–8 אָוו.

Dr. med. H. GUTSZTADT

ספּעציאַל־אַרצט פאַר אַקושעריע און פרויען־קראַנקהייטען

ZACHODNIA 62 (Śródmiejska 14)

**צוריקגעקעהרט.**

נעהמט אָן פון 4–7 אָוונד.

